# פארלאנג צו מאכן באצאלונג פלענער אדער צווייפלען די סוספענדירונג פון דרייוון פריווילעגיעס פאר פארפעלן צו צאלן קינדער שטיצע

איר קענט אריינגעבן א פארלאנג צו מאכן באצאלונג פלענער צו פארמיידן סוספענדירונג פון אייער דרייוון פריווילעגיעס אדער קענט איר צווייפלען די סוספענדירונג פון אייער דרייוון פריווילעגיעס דורך אויספולן און אריינגעבן דעם בויגן צו די סאפורט זאמלונג איינהייט (SCU) **אין די פינף און פערציג (45) טעג** פון די דאטום אויף די בייגעלייגטע בויגן.

- פולט אויס טייל 1 צו פארלאנגען באצאלונג פלענער צו פארמיידן סוספענדירונג פון אייער דרייוון פריוויליגיעס.
- פולט אויס טייל 2 צו צווייפלען די סוספענדירונג פון אייער דרייוון פריוויליגיעס.

**נוצט בלויז שווארצע טינט**

## טייל 1 באצאלונג פלענער פארלאנג

☐ **1. איך וויל מסדר זיין אן אפצאל פלאן. איך לייג ביי די פאלגנדע פארלאנגטע דאקומענטן:**

☐ מיין אויסגעפירטע און באשטעטיגטע *אפידעיוויט פון נעט ווערד* אנצייגנדיג מיין אינקאם פון אלע קוועלער, ליקוויד אסעטס און פארמעגנס; <u>און</u>
☐ א קאפיע פון מיין דרייווערס לייסענס; <u>און</u>
☐ א קאפיע פון מיין לעצטע איינגעגעבענע פעדעראלע און סטעיט שטייער דעקלעראציע און W-2 סטעיטמענט אדער א קאפיע פון מיין מעלדונג פון נישט-איינגעגעבן באקומען פון די שטייער אגענטור; <u>און</u>
☐ א פעי סטאב אדער אן אינטערגעשריבענעם בריוו פון מיין ארבעטסגעבער פעסטצושטעלן מיין יעצטיגע הכנסה און/אדער באווייז פון סיי וועלכע בענעפיטן באקומען (צ.ב., סאושעל סעקיוריטי, ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן); <u>און</u>
☐ אן אכצן (18) מאנאט ארבעט היסטאריע

**לייגט די פאלגנדע פארזיכטיג:**
איר קענט באקומען אן *אפידעיוויט פון נעט ווערד* בויגן דורך באזוכן די ניו יארק סטעיט קינדער געלט וועבזייטל ביי **childsupport.ny.gov**, אדער דורך זיך פארבינדן מיט די **ניו יארק סטעיט קינדער געלט העלפליין** טאל-פריי אויף **888-208-4485** (TTY 866-875-9975), מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 צופרי ביז 7:00 נאכמיטאג. מען קען טרעפן א ליסטע פון אנערקענטע רילעי פראוויידערס ביי (**www.fcc.gov/general/internet-based-trs-providers**).

אויב עס ווערט באשטימט אז איר זענט בארעכטיגט פאר באצאלונג פלענער, וועלן מיר זיך פארבינדן מיט אייך איבערצושמועסן די קומענדיגע שריט ווי פאלגענד:

- איר וועט דארפן מאכן אן *אפידעיוויד פון אנערקענונג פון דזשאדזשמענט* פאר די סך הכל סומע וואס איר זענט שולדיג. דאס וועט לייגן די נאך שולדיגע שטיצע אין דזשאדזשמענט וועלכע וועט זאמלען אינטערעסט ביי א יערליכע ראטע פון 9 פערצענט אין איינקלאנג מיט NYS געזעץ.
- איר וועט דעמאלטס מאכן א *צופרידנשטעלנדע באצאלונג פלאן* צו צאלן שטיצע דורך אינקאם דורכפירונג אין איינקלאנג מיט אפטיילונג 5241 פון די ציווילע פראקטיק געזעץ און אנווייזונגען, וועלכע זאל ענטהאלטן דידאקשנס גענוג צו פארזיכערן אויספאלגונג מיט די יעצטיגע פארפליכטעטע סומע און נאך א סומע צו ווערן צוגעלייגט פאר נאך שולדיגע שטיצע; אדער, צו צושטימען צו מאכן צאלונגען דירעקט צו אונז פאר וואס איר זענט שולדיג אין א סומע וואס איז אין איינקלאנג מיט דאס וואס וואלט געווארן געמאכט אונטער אן אינקאם דורכפירונג.
- מאכן א *צופרידנשטעלנדע באצאלונג פלאן* נעמט אריין אינטערשרייבן און באשטעטיגן אז איר וועט איינמעלדן די SCU פון סיי וועלכע צוקונפטיגע טויש פון אדרעס ביז אזא צייט וואס אייער פארפליכטונג צו צאלן שטיצע ווערט אפגעשטעלט.

אויב אייער פארלאנג פאר באצאלונג פלענער ווערט אפגעזאגט, וועט איר ווערן איינגעמאלדן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס אז אייער דרייוון פריווילעגיעס זענען געווארן סוספענדירט.

## טייל 2 צווייפלען

☐ **2. איך וויל צווייפלען די סוספענדירונג פון מיין דרייווער לייסענס ווייל (באצייכנט אלע קעסטלעך וואס זענען גילטיג):**

☐ א. איך בין נישט דער פערזאן אידענטיפיצירט אלס שולדיג סאפורט, ווי געשטיצט דורך:
☐ א קאפיע פון מיין דרייווער לייסענס אדער אידענטיפיקאציע קארטל
☐ א קאפיע פון מיין פאספארט אדער מיין סאושעל סעקיוריטי קארטל
☐ אנדערע ________________________________

☐ ב. איך בין נישט אונטער קאורט באפעל צו צאלן סאפורט, אדער מיין סאפורט באפעל איז אפגעווענדעט געווארן, געשלאסן אדער קיינמאל נישט אריינגעטראטן דורכן קאורט און קיין סאפורט איז שולדיג, ווי עס איז געשטיצט דורך:
☐ א קאפיע פון דעם קאורט באפעל וואס טוט אפווענדן אדער שליסן מיין קינדער געלט באפעל
☐ אנדערע ______________________________________

☐ ג. די סומע געוויזן אלס שולדיג איז נישט ריכטיג און/אדער איז נישט די זעלבע ווי כאטש פיר (4) מאנאטן פון מיין יעצטיגע סאפורט פארפליכטונג ווי געשטיצט דורך:
☐ א קאפיע (פארנט און הינטער) פון אן אנולירטע טשעק אדער געלט ארדער וועלכע איז אריינגעלייגט געווארן דורך די טשיילד סאפורט אגענטור אבער איז נישט איינגעצאלט געווארן אין מיין אקאונט
☐ דאקומענטאציע וועלכע שטיצן מיין קלאגע אז מיין קינדער געלט איז נישט פונקטליך אויסגערעכנט געווארן
☐ א קאפיע פון מיין קאורט באפעל פארענדערנדיג מיין קינדער געלט באפעל אדער באשטימען די שולדיגע סומע
☐ אנדערע ______________________________________

☐ ד. איך באקום צייטווייליגע הילף און/אדער סאושעל סעקיוריטי איינקונפט (SSI), ווי געשטיצט דורך:
☐ א קאפיע פון מיין אידענטיפיקאציע קארטל; און
☐ א קאפיע פון די בריוו באשטעטיגנדיג די בענעפיטן וואס איך באקום
☐ אנדערע (אידענטיפיצירט) ______________________________________

☐ ה. מיין אינקאם איז נידריגער ווי די זעלבסט-שטיצע רעזערוו סומע פון $20,331 פאר 2024, אדער נאכן צאלן מיין יעצטיגע שטיצע פארפליכטונג איז מיין דיספאזעבעל פארדינסטן נידריגער ווי די זעלבסט-שטיצע רעזערוו סומע, ווי געשטציט דורך די פאלגענדע בייגעלייגטע באווייז פון אינקאם:
☐ מיין אויסגעפירטע און באשטעטיגטע *אפידעיוויט פון נעט ווערד* אנצייגנדיג מיין אינקאם פון אלע קוועלער, ליקוויד אסעטס און פארמעגן (באמערקונג: באקומט אן *אפידעיוויט פון נעט ווערד* בויגן דורך באזוכן די ניו יארק סטעיט קינדער געלט וועבזייטל ביי **childsupport.ny.gov**, אדער דורך זיך פארבינדן מיט די **ניו יארק סטעיט קינדער געלט העלפליין** טאל-פריי אויף **888-208-4485** (TTY 866-875-9975), מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 צופרי ביז 7:00 נאכמיטאג. מען קען טרעפן א ליסטע פון אנערקענטע רילעי פראוויידערס ביי (www.fcc.gov/general/internet-based-trs-providers); און
☐ א קאפיע פון מיין דרייווער לייסענס; און
☐ א קאפיע פון מיין מערסט לעצטיגע געפיילטע פעדעראלע און סטעיט אינקאם טעקס ריטורנס און W-2 סטעיטמענט אדער א קאפיע פון מיין מעלדונג פון נישט-פיילן באקומען פון די שטייער אגענטור; און
☐ א פעי סטאב אדער אן אינטערגעשריבענעם בריוו פון מיין ארבעטסגעבער, אויב פארהאן, פעסטצושטעלן מיין יעצטיגע הכנסה און באווייז פון סיי וועלכע בענעפיטן שוין באקומען (צ.ב., סאושעל סעקיוריטי, ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן); און
☐ אן אכצן (18) מאנאט ארבעט היסטאריע

☐ ו. אנדערע סיבה:
______________________________________
______________________________________
______________________________________

**אויב עס ווערט געטראפן אז פאלט אדער וועט פאלן נידריגער ווי די זעלבסט-שטיצע רעזערוו סומע, ווען מיר זיך פארבינדן מיט אייך איבערצושמועסן די קומענדיגע שריט ווי פאלגענד:**

- איר וועט אויך דארפן אדורכפירן און באשטעטיגן א באדינגונג אז איר וועט איינמעלדן די SCU פון סיי וועלכע צוקונפטיגע טויש פון אדרעס ביז אזא צייט וואס אייער פארפליכטונג צו צאלן שטיצע ווערט אפגעשטעלט.

**אויב איר געבט אריין א צווייפל פאר סיי וועלכע פון די אויבן דערמאנטע סיבות**, וועלן מיר אייך שיקן אונזער באשלוס צו אייער צווייפל אין די פינף און זיבעציג (75) טעג פון די דאטום אויף די בייגעלייגטע בויגן.

**ניו יארק קעיס איידענטיפייער:** ______________ **סאושעל סעקיוריטי נומער:** _______-_____-_______
**דרוקט נאמען:** ______________ **טעלעפאן:** (_____) ______________
**אינטערשריפט:** ______________ **דאטום:** ______________